NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04952

DER KISHEFMAKHER UN ZAYN ZUN

S. Bastomski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַרלאַג „די נייע יידישע פֿאָלקסשול"
סעריע „קינדער־ליטעראַטור" № 17.

דער כּישופֿמאַכער און זיין זון.

א מעשהלע

באַאַרבעט לויט בר. גרים.

פֿון ש. באַסטאָמסקי.

ווילנע
דרוקעריי ברידער ראָזענטאַל, רודניצקער 7.
1921

דער כּישופמאַכער און זיין זון.

א.

אַמאָל איז געווען אַ פּויער. האָט ער געהאַט אַ זון. האָט דער זון געהאַט זייער אַ גראָבע קאָפּ. דער טאַטע האָט געוואָלט מאַכן דעם זון פאַר אַ מענטשן, נאָר צו וואָס ער האָט אים ניט אַוועקגעגעבן, איז אַלץ קיין פּעולה ניט געווען.

דער „געראָטענער" זון זיינער האָט צו קיין זאַך ניט געטויגט.

איינמאָל קומט אַריין דער פּויער צו זיינעם אַ שכן און פרעגט ביי אים אַן עצה:

— זאָג מיר, מיין פריינד, וואָס טו איך מיט מיין זון? וואָס פאַר אַ מלאָכה זאָל איך אים לער־נען? איך האָב אים שוין געפּרובט אָפּגעבן צו וואָס דו ווילסט— און ס'איז אַלץ אַרויסגעוואָרפן!..

— גיב אים אַוועק צו אַ מכשף, זאָל ער זיך אויסלערנען כּישוף מאַכן—האָט געזאָגט דער שכן— קיין בעסערע מלאכה פאַר דער איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, מ'שאַרט געלט מיט די הויפנס און מ'לעבט אַ טאָג...

— ס׳איז אַ פּלאַן, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן! — האָט אויסגעשריען דער פייער — איך טו גלייך וואָס דו הייסט מיר!

און ער איז אַוועק מיטן זון איבערן לאַנד זוכן אַ כּישופמאַכער.

גייען זיי אַזוי און גייען און קומען צו אַ וואַלד. גייען זיי אַריין אין וואַלד און דערזעען דאָרט אַ שטיבעלע. גייען זיי צו נענטער — דערזעען זיי ביים פענצטערל פון שטיבעלע — אַן אַלטע באָביטשקע.

— זאָג מיר, באָביטשקע, — רופט זיך אָפּ צו איר דער אַלטער פייער — אפשר ווייסטו צו וועמען מ׳קען אַוועקגעבן אַ בחור לערנען זיך כּישוף מאַכן?

— איך האָב אַ זון — ענטפערט אָפּ די אַלטע — איז ער אויף דעם איין בריה, ער וועט שוין אויסלערנען דעם בחור דיינעם די מלאכה ווי ס׳באַדאַרפט צו זיין!

— גוט — זאָגט דער פייער — גיב אים אַ רוף!

דער אַלטעס זון איז אַריינגעקומען, און ער האָט מיטן פייער אַזוי אָפּגעמאַכט:

— איך נעם זיך אָן — האָט ער געזאָגט — אויסצולערנען דעם בחור דיינעם כּישוף מאַכן נאָר מיט דעם תנאי, אַז אויב דו קומסט איבער אַ יאָר אַהער און דו דערקענסט אים, נעם איך ביי דיר פאַרן לערנען גאָרניט. אויב אָבער דו דערקענסט אים ניט, צאָל-

סטו מיר דאַן איין צוויי טויזנט רובל.

דער פויער האָט מסכים געווען און איבערגעלאָזן דעם זון ביים מכשף.

ב.

אין אַ יאָר אַרום איז דער טאַטע אַוועק צום מכשף אָפּנעמען דעם זון. גייט ער אַזוי מיטן וועג און טראַכט, ווי אזוי צו באקומען דעם זון אָן געלט. קומט אים אנטקעגן אן אלטער מאן.

— וואס האסטו זיך, פעטערל, אזוי פארטראכט? פרעגט דער אלטינקער ביי אים. דער פויער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה מיטן זון.

— איך האב מורא, איך וועל מיין זון ניט דערקענען—האט ער געדאגהט—און דאן וועט דער מכשף מאנען ביי מיר צוויי טויזנט רובל, און איך האב דאס ניט פון וואנען צו נעמען.

— דאגע ניט!—רופט זיך אפ צו אים דער אלטינקער,—איך וועל דיר אן עצה געבן. אָט וואס דו טו: נעם א קאשיקעל מיט ברויט און אז דו וועסט קומען צום מכשף אין שטוב אריין, שטעל זיך דארט אוועק לעבן אויוון דאן וועט צו דיר ארויספליען פון א שטייגעלע א פייגעלע. זיי וויסן, אז דאס פייגעלע דאס איז דיין זון. דער פויער איז געקומען צום מכשף און האט געטאן אזוי ווי דער אלטינקער האט אים אויסגעלערנט.

גלייך איז פון א שטייגעלע ארויסגעפלויגן א פייגעלע און צוגעפלויגן צו אים.

— אט איז מיין זון! — האט דער טאטע אויסגעשריען. און תוך כדי דיבור איז פון דעם פייגעלע געוואָרן אַ מענטש.

— שדים ווייסן, ווער עס האָט דיר דאָס געקאָנט אויסלערנען דערקענען דעם זון דיינעם! — האט דער מכשף מיט פאַרדרוס געזאָגט.

— טאַטע, קום גיכער אַוועק פון דאַנען! — האט דער זון געזאָגט צום פויער — אַ ניט וועט זיין שלעכט!

און זיי זיינען אַוועק אַהיים.

אויפן וועג זעען זיי: עס פאָרט אַ קאַרעטע און אינעווייניק זיצט אַ פריץ.

— הער, טאַטע, רופט זיך אָפּ דער זון צום פויער — איך וועל זיך פאַרשטעלן פאַר אַ הונט און דו פאַרקויף מיך דעם פריץ. אָבער זע, נעם פאַר מיר אַ גוטן מקח!..

און ער האָט זיך פאַרשטעלט.

דער פריץ האָט דערזען דעם הונט און געקראָגן צו אים גרויס חשק.

— פעטערל, פאַרקויפסט אפשר דעם הונט?

— יע, כ'פאַרקויף;

— וואָס ווילסטו פאַר אים?

— אַ הונדערטער.

טייערלאַך אַ ביסל, אָבער דער כּלבל געפעלט מיר זייער. נעם געלט!

דער פּריץ האָט באַצאָלט דאָס געלט און מיט־גענומען דעם הונט. אַ קורצע ווײַלע איז זיך דער הונט געזעסן רואיק אין קאַרעטע. באַלד אָבער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן דורכן פענסטערל און געמאַכט די פּליטה.

און דער זון איז ווידער געקומען צום טאַטן.

גייען זיי ווייטער און קומען אויף אַ מאַרק.

— איצטער, טאַטע, וועל איך זיך פאַרשטעלן פאַר אַ פערד! — רופט זיך אָפּ דער זון — נעם און פאַרקויף מיך, אָבער זע פאַרגעס ניט אַראָפּצונעמען פון מיר דעם צאַם. פאַרגעסטו דאָס חלילה צו טאָן, בין איך אַ פאַרפאַלענער, קען איך שוין צוריק ניט ווערן קיין מענטש.

און דער זון האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שײ־נעם פערד.

דער אַלטער האָט אים אַרויפגעפירט אויפן מאַרק און גענומען פאַר אים צוויי הונדערט רובל.

געקויפט האָט אים גראָד דערזועלביקער מכשף, בײַ וועלכן דער זון האָט זיך געלערנט כּישוף מאַכן. דער פויער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט דעם געלט, אַז ער האָט פאַר גרויס שימחה ניט דערקענט דעם

מכשף און גאַר פאַרגעסן אַראָפּצונעמען דעם צאַם פון פערדל...

דער מכשף האָט געבראַכט דאָס פערדל אַהיים, אַריינגעשטעלט אים אין שטאַל און דעם צאַם ניט אַראָפּגענומען...

שטייט אַזוי דאָס פערדל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און קלאָגט שוין אויף זיין בינטל יאָרן.

אינדעם קומט אַריין אין שטאַל אַ דינסטמיידל.

רופט זיך אָפּ צו איר דאָס פערדל מיט אַ מענטשלאַכן קול:

— מיידעלע, מיידעלע, נעם אַראָפּ פון מיר דעם צאַם!

פאַרוואונדערט זיך דאָס מיידל, וואָס אַ פערד רעדט מיט אַ מענטשלאַכן קול און פאָלגט אים.

דערווייל איז גראָד אַריין אין שטאַל דער מכשף מיט אַ כוונה אָפּצורעכענען זיך מיטן תּלמיד. דער תּלמיד האָט זיך גלייך פאַרשטעלט פאַר אַ וואָראָבייטשיקל און—טוז דורכן פענסטער.

דער מכשף האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן. ער האָט גלייך אָנגענומען דאָס געשטאַלט פון אַ שוואַרצן ראָב און אַ לאָז געטאָן זיך נאָכן וואָראָבייטשיקל.

זעט דער בחור אַז ס'איז שלעכט, נעמט ער און פאַרוואַרפט זיך פאַר אַ פיש אין וואַסער. ווערט דער מכשף ניט נתפּעל, נעמט און פאַרוואַרפט זיך

פאר א העכט מיט שארפע ציין. פליט דער בחור ארויס אויפן ברעג און צעשיט זיך איבערן זאמד אין ווייצענע קערנדלאך. ווערט דאן גלייך פון מכשף א האן און פיק פיק די קערנדלאך. פארשטעלט זיך דאס לעצטע קערנדל פאר א פוקס. כאפט אן דעם האן פארן האלז און רייסט אים אראפ דעם קאפ.